דער

# אנטלאפענער רעקרוטעל

מאת אמ״ד

YIVO INSTITUTE
70976

ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ב לפ״ק

ДЕРЪ АНТЛОФЕНЕРЪ РЕКРУТЪ

т. е.

Бѣглый рекрутъ.

Разсказъ А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.
1872.



הערש האט אים געטרייסט״ און גאנץ ברוהיגט קיסערן זייא זיך ניט האט ער אים געענטפערט, איך וועל פאר זייא אלעם פאזאוגין ״ איך שוייא אייך צוא דינען מיט מיין געלט ״ מיט מיינעם טיש און מיט מיינע פערד ״ ביז איך וועל אויס ווירקן ביי דעם רוסישען געזאנדטשין דאס מען זאל אייך ערלויבן צוא ריק צוא קומען קיין רוסלאנד״ און נאך וואר נאך אזוא דיבטיג ווארט האלטען: דווא ריזעס פארשפרעכען ער האט אים צוהאלטען ביי זיין טיש און האט אים געגעבן אלע קאסטן ״ און זיינע פערד צו פארין שפאצירין ״ און דער קייסער האט זיך נים גיקענט אפ וואנדערין און גינוג אפ דאנקען פאר דיזע גרויסע גיפעליגקייט זיינע צוא אים ״ און דער הערש האט אים ערשט אויס גיזאגט ווער ער איז אלס ער האט אים איבער געגעבן דיא ערלויבענעס צוריק צוא קערן קיין רוסלאנד ״ איך בין דיין געוועזענער דאנדאר תורשקע האט ער אים דאן אויס גיזאגט ״ איך האב דיר גוטעס גיטאן, און דוא האסט מיך געטריבן צום גליק ״ גין לעבע וואול און וואי ווסין דאס איין יעדע קען אויך איינעל האנדלען :

1

דיא קליינע קינדער

ערשט זיבצעהן יאהר דאס אונזער קייזער אלכסנדער דער צווייטע רעגירט אין אונזער רוססלאנד, וואו עס איזט גוט אויס צו צייהלען אונד ריכטיג צו בעטראכטען דיא אויססער אורדענטליכע פעראבעסערונגען (תקונים) אונד דיא [illegible] וואס דיזער גרויסער מאנארך האט איינגעפיהרט פאר זיינע פערשיידענע לענדער. דאס מיט רעכט קענען זיך וואנען דאס מיט זיינעם טראן בעשטייגונג איזט איינע נייע צייט אויפגעגאנגען אויף אונזערן האריצאנט (געזיכטס קרייז) א [illegible] דאס זיא זאל אונז ניט אונטער גיין פאר [illegible].

אונד וואר נאך די פינף אונד צוואנציג מיליאנען לייב איינגענע (בויערן) וואס זייען דורך אים בעפרייט געווארען אין זייערע לענדער קען זיך מיט איהר (מיט דער זאנגע) מעהר פרייען אלס מיר יודען. ביז אהם ווארען מיר בעטראכטעט אין דעם רוסישען וועלט גלייך וויא איינע הארדע (שקאפיסטע) [illegible] וואס זייען ארעסטירט אין עטליכע געוויסע גובערנעס וועלכע גרענעצען מיר האבען ניט געטארט איבערשרייטען (איבערטרעטען). אונזערע קינדער האבען ניט געטארט קיין אמט (צין) בעקלייהדען (האבען). צו דיא מאל איהר ווארען נור מיר יודען אליין אונטער ווארפען אונטער איינער שווערען רעקרוטירונג. מיט זיינער טראן בעשטייגונג אבער האט עס אלס אויפגעהערט. דעם גרעסטען טייל פון אונזערע יודען איז ערלויבט צו וואוינען אין גאנץ רוססלאנד אונד וואוינען שוין דארט. אונזערע קינדער זייען שוין אויך צוגענומען. אונד וואס עס איזט טעגע צו נאכארען זייען מיר גלייך

REFORMS UNDER ALEXANDER II.

Дозволено цензурою 25 августа 1871 г. Вильна.

גלייך געשטעלט מיט אלע אנדערע מיט בירגער פון דיזעס לאנדע אזוי ווייט דאש עס איז ערלויבט צוא גיין איינער פאר דעם אנדערין פאר איין אהאטניק · אקריסט פאר א יודען איד פאר אקריסט · נאך מעהר האבען מיר דיזען גרויסען אונ צוא גלייך מענשען פריינדליכען מאנארך צוא דאנקען : דאס ער האט אונז אידען פערבאטען צוא געבען קליינע קינדער פאר רעקרוטען °) אונ האט צוא גלייך בעפוילען ניט צוא נעהמען דיא סאלדאטסקע סינעס · נור אויס איינעס היילינען אונ צערטליכען פאטערליכען מיט געפיהל · זיין אידעלעס הארץ האט גוט געשפירט ווייא עס איז צום טוט דיא עלטערין וואש מען ענטרייסט פון זייא זייערע קליינע קינדער · אונ ווידער ווייא עס צום טוט דיא קליינע קינדער וואס מען ענטרייסט זייא פון זייערע עלטערין · אונ האט עס פערבאטען · אונ האט מיט דיזעס פערבאט געוויזען אונ געשטילט דיא טרעהרין פון טויזענדע מוטער אונ פאטער פון אונזערע אידישע נאציאן וואש האבען דיזע ערלויבניש וואש וואר אונז געגעבען ביי דעם ערשטען אוקאז דאש אידען זאלען געבען רעקרוטען נור צוא אונזער וואויל °°) גאנץ מיספרויכט

°) דאס אפגעבען קליינע קינדער וואר נור ערלויבט אבער קיין בעפעהל · וויא מיר וועלין דא באלד דייטליכער רעדע פון ריידען · עס וואר אזוי גאר ערלויבט אפ צו געבען גאנע ראדנע דאס הייסט אנעלבע וואס ווארען געבאהרין נאך דער איסקאסקע

°°) דיזע ערלויבניש איז אונז געגעבען געווארין צוואר צוא אונזער וואויל (טובה) דאמיט מען זאל ניט דארפין אבריכין פאמיליע נפשטער · דאס הייסט בעווייבטע יונגע לייט וואש האבין שון קינדער · דען מיט איאר פערציג צוריק פלעגען אידישע קינדער חתונה צוא האבין זייער יונג · דאס מען האט בעשמוזט ארויס געבען איין אוקאז · דאס אמיידיכען פאר ניט חתונה האבן פריהער פאר זעכצעהן יאהר אונ איין איגנעל פריהער פאר אכטצעהן

יאהר



(שלעכט בענוצט) דען דער אוקאז האט ערלויבט צוא געמין קינדער נור וואס זייען שוין אלט צוא צוועלף דרייצעהן יאהר · אונ אונזערע אבצימשטיגע לייט האבען אפ געגעבען קינדער פון זעקס זיבען יאהר · דר צו נאך גאנץ געזאקאנע · דען עס ווארען אפ געגעבען פיל יתומים · בן יחידים פון ארעמע שוואכע עלטערין · דאס עס וואר ניט נאך אמאל העה עס זאל קלאגין אונ ווער עס זאל ריכטען · אונ דיזע קליינע אפ געגעבענע געשעפפע (בעשעפעניש) פלעגען צוא פערשמאבטען אונ פערגייך אויף דיא לאנגע ווייטע רייזען אונ מארשערוטען נאך דיא ווייטע רוסישע גובערניש פון קעלט אונ פון קעלט · איינע זינדע וואס מיר אידען וועלין זיך ניט קענין פון איר ריין וואשין וויא פון דער זינדע דיא פאיבנע :

דען הינט אלע זאבען האבען דארום אונזערע קליינע קינדער גאר ניט צייט גיהאט צו דער לערנין גאנץ ווארט אונ פשיטא שוין זיך אויש צוא בילדען · דען ווייא אקינד איז גיווארין אלט פינף יאר האבען איס שוין דיא עלטערין בעהאלטען · נון קען מען זיך שוין אליין פארשטעלין וואש פאר איין אונגליק עס וואר פאר אונז דיזע ערלויבניש דאן :

## 2.

### „דיא קרעצמע וואדעפוי“

אלס איך האב דיך מיינע לעזערין שוין איין עטוואס בעקאנט געמאכט מיט דער רעקרוטירונג פון קליינע קינדער וואס

עם

יאר: וואש דאש האט דאן אנגעמאכט דיא גרויסע בהלות · נאך שפעטער וואר געגעבען איינע ערלויבניש אפ צוא געבין אהלכע קינדער אונ יונגע לייט וואס האבען קיין פאס אויף דעם רעכנונג פון דיא נאבארין · אונ דיזע בייזע ערלויבנישין · האבין אונזערע אידען זייער שלעכט בענוצט בעגען דעם ווילין פון זייערע רבנים : דיא זינדע בלייבט געצייכנעט אויף איבעה :

עס איז דיר נייטיג צו וויסען אום דיזע ערציילונג געהעריג צו פארשטיין ווען מיר שוין אנהייבן אונזר הויפט געשיכטע:

דארט אין טיף וואליניען נים ווייט פון ראדעוויל לעבין דעם עסטרייכישען גרעניץ איז מיט א פאר דרייסיג צוריק געשטאנען איין קרעטשמע וואס מ'האט איר גירופען „וואדעפוי" אונ וואש עס האבען אין איר געוואוינט איין אידישע יונגע פאר פאלק, ער האט געהייסען ישראל אונ זיא האט געהייסען בת שבע וואָרין ביידע גאנץ בראווע ערליכע לייט אונ זייער פרייענע מענשין ועי צו נאך האבין זייא פאר שטאנען זייער גוט דיא ווירטשאפט אונ דיא ריינליכקייט אזוי פון דעם עסין אונ פון דיא בעטין אונ דורך דעם איז געשטאנען זייער קרעטשמע אין אגוטע רוף (שם) אויף דעם גאנצין גאסצינים דאס דיא פארנעמסטע רייזענדע הן אידין הן קריסטין פלעגין אנציהען איטער אהין צו נעכטיגין צו מיטערין זיך שבת צו האלטין אונ ביי אלעם דעם וואָרין זייא גאר נים רייך דען זייא וואָרין קיינע בערייסער אונ דער צו נאך פלעגין דיא בעלי עגלות וואש וואָרין אין יענע יאהרין אין די קרעצמים דאש זעלבינע וואש היינט זייען דיא פאקטורים אין דיא האטעלין פלעגין זייא אוים שמאצין דעם מארך פון דיא ביינער לא די וואס טעפלעגט זייא לאזין דארט אכילה אונ שתיה אונ האבער אונ הייא פאר העלפט געלט אלס דעם פאסאזיער דאש הייסט אונטער דעם מקח נאר וואש עש קאסט אליין פלעגין זייא נאך אנבארגין לייען דער צו נאך סאנכען רובל אונ נים באצאהלין דער צוא נאך פלעגט צוא קאסטין זייער פיל לאפקע אקלוצחאוים איין אסעסער דען עס וואר דאן א איבין פארבאטין צו וואוינען אין דיא דרייסיג ווייארסט פון גרעניץ אונ וויא נעבטינגט זיך נים אונטער אין אקרעצמע אמאל אביעגליר סאלדאט וואס מעפלעגט דאן אויך זייער פיל לייזין דער פון אויפין לאנד נינג ביא דעם גרעשטין לייזונג וואָרין דאן נינג אורזאכין צו האבין קוים חיונה אונ ביא אלעם דעם וואָרין



וואָרין זייא צופרידין מיט דיזער פרנסה אונ האבין גיהאפט דיא דער שטייגער איז אויף בעסערע צייטין דען זייא האבין שוין גיהאט א פאר קינדערלאך א מיידעל מיט א אינגיל וואס מיט א יאר שפעטער דארפין זייא אלין סטהר קאסטין דער אינגיל וואר שוין א יאר זיבין אונ מ'האט שוין גימוזט האלטין פאר אים אלין איינגין מאן וואש זאל מיט אים לערנין דיא מיידעל וואר א יאר צעהן אונ האט שוין גימוזט ניקלוידים ווערין גאנץ אנשטענדיג דען דיא וואר שוין איינע האנט פון דיא מוטער אין דער ווירטשאפט:

ויא אפאר קינדערליך דאס איז דער נוילע אונ ווער ווייס דאש מיט דער צייט זאל נים ווערין פיר ווקס אבט דען דיא אונבעשטינגע נעסט קאאסירין זיך אין עלבסט אין דיא עליגדסטען היטען (שטיב עלאך) אונ לאזין זיך בעשטראטין זעלבסט ביא איינעם טיש וואש באקעסטינט זיך ביוא אים מיט גאנץ שמאלע ביסין דער צו נאך האר מען נים איבער נאך מיט דיא קנאפע פרנסה אויך דען דער אוקאז פון דעם ארויש טרייבין פון דיא קרעצמים וואר שטרייגער פון טאג צו טאג אונ פלעגין זיך זייער קלעמין אונ גרימען אין שטילין אונ אזוי גראבק נאך דער צוא אטרערע זואהרין פון צוויישין גראד אזוי ווא למשל מען וואר שטיקליך בעלי הובות אביסיל נים ניזוגט אונ דא האט מען זיך גירוכט דאש ארבי זאל אנפארין דאך אבער זאגט דער שפריכווארט בעסיר צו האבין אפולע דאנות אלס איין דאנה דאס הייסט עש איז בעסיר צו האבין קליינע דאנות אפולע אלס איינע אוויכטיגע וואס מאכט פארגעסין אלע אנדערע קלענערע דאנות אונ דיזער פאל האט באלה אריין גיטראפין ביא דעם אונזערין ישראל גאנץ פלעצליך וויא אין שרעקליכער געוויטער (גראזא באוואלניצע) אך איינעם שיינעם זומער טאג איינע צרה אין זייא פאר גאנגען דאש זיא אליין האט זייא פארנומען דעם גאנצין קאפ אונ האט זייא גימאכט

גימאכט אומגליקליך פאר זייער גאנצין לעבין · וויא מיר וועלין דא עס באלד גאנץ ריכטיג באשרייבין :

אין דעם יאר (1835) אום חנוכה צו דער דריטע ליכטיל · וואר ביא דיזעם ר' ישראל אקליינע שמחה · אין שטוב זיין איינגילע שואלקע האט אויס גיהאט מיט זיין רבין גאנץ תורה · אונ מיהאט גימאכט אסיום · עס ווארין דער ביא דאן איינגע אורחים · וואש האבין אים פארעהרט דער ביא אונ העכסט בעוואונדערט · דען ער וואר ווירקליך איין גאנץ וואוילינער איינגילע · קוים זיבען יאר אלט · אונ קלאר אין גאנץ תורה דער צו נאך אשיינעם בעגריף אין דקדוק · לבד דעם וואר ער זייער שיין ; אלעבעדיגע שטיקיל סחורה · אונ דיא עלטערן האבין זיך דר ביא גישמאלצין פאר פרייד · האבין דערלאנגט צום טיש פון אלעם גוטין · אונ דיא אורחים האבין זייא גימאכט גוטע האפענונגן דאש עס וועט פון אים זיין אגרויסער מענש : עס וואר דאן דרויסין אזאווייע · אונ אין שטוב רוהיג אונ ווארעם · דען עס ווארין ווייניג געסט אין דיזער נאכט · אונ דיא קליינע גיזעליגשאפט האט אזוי צוא גיבראכט ביא דעם טיש זייער פריילליך אונ פרידליך ביז צוועלף דעם זייגער · אונ דאן איז מען גיגאנגען שלאפין · קוים אבער האט מען איינגישלומערט · האט מען דער העהרט איינען שטארקען קלאפין אין טיער פון קרעטשמע · איין אונגיוואוינליכעם קלאפין · ניט וויא פון איינעם רייזענדין וואש בעט אום איינעם נאכט לאגער · נור וויא פון איינעם וואש ברויכט געוואלט (דאש היישט וואש קומט ביד חזקה) דער צו נאך וואר גיהערט שרעקליכע שטימען אויף רוסיש · אויך אידעש · דאס מען איז גיווארין גאנץ צוא שראקין אין קרעטשמע דען מען האט גימיינט דאש איין רויבער באנדע ווילין דא איבער פאלין : מעהר פאר אלעמין האבין זיך דר שראקין דיא קינדער · דאש דיא מוטער האט גיטוהט דעם איינגערין · דאש הייסט איהר שואלקין אריין נעמין צו זיך אין בעט :



עס וואר גיקלאפט אונ גישטוקעט אונ דער ביא צו גישריען אויף רוסיש „אטווארי" אהיפשע צייט · אונ קיינער האט זיך ניט גיוואגט צו עפענען · ביז מיהאט אריין גישריען פון דרויסין אויך אידעש „ר' ישראל! בה! בבע! עפינט! זייט איר דען אויש גישטארבין? עפינט! אנסט וועלין מיר דיא לאדין אויפברעכין" דיא שטים וואר דעם ר' ישראל עפיס וויא באקאנט ; אונ האט אים שוין איינגיגעבין מוטה אראפ צו גיין פון בעט צום פענסטער אום פון איי אבהער צוא רידין · זיך מיט דעם שרייער · אונ אלם אויף דיא פראגע „ווער זייט איר" וואר איין אנטווארט · „איך יאנקיל דער אונטער שמש · מיט דעם ר' ברוך דעם איזבארסציק" האט ער זייא גיעפינט דיא טיר · אונ עס איז אריין אין שטוב מיט דיא צוויא אנאנצע חבורה פון צוועלף פערזאן · עס ווארין מיט זייא דער קלוצוואוים מיט פיר דיסאטניקיש · מיט צוויא חאפאריש · דער צוא אפאר קאזאקין מיט נאגייקיש · אפאר פורמאניש ; אלע האלב פאר שוועכט · דער ישראל האט אן גיצונדין פייער · אונ איז גיווארין באלד בעגריסט פון דעם קלוצוואוים מיט אפאר פעך פאר וואש ער האט באלד ניט גיעפינט „איינמאל ביוט דוא א קרעצמער" האט ער צוא אים גיזאגט „דארף ביא דיר ברענין פייער אגאנצע נאכט · אונ עפינין דיא קרעצמע פאר יעדין פאהראזנים · ביא דעם ערשטין אנקלאפין אונ ניט לאזין פרירין אין שנייא אונ אין פראסט" אנשטאט איין אנטווארט דארויף האט דער ישראל באלד אנידער גישטעלט א פלאש בראנפין ; מיט דרייא הערינג · מיהאט עס באלד צורעכט גימאכט · אונ אייען גיווארין גיטאסינער · דען אין יענע צייטין האט אסטראנגער קלוצוואוים גיהאט וואש צו זאגין · דאש מיט רייד אליין האט מען זיך ניט גיקענט רייך וואשין פאר אים · באלד דארויף וואר דער לאנט אשטיל גריבינעש מיט אטאפ ביר · אונ דער ישראל איז נעבאך גישטאנן אן פולע ציטעריש וויא א שעפס אונטער דיא הענט פון שערער דען זיין הארץ האט

אים שוין פאר-אויש געזאגט דאס זייער קומען צו פארען צו אים
איז ניט אויף-גוטש; אונ האט קוים געהאט מוטה צו פרעגען
דעם יאנקלען, וואו הין ציילט זייער רייזע אין אזוי אמעטעלניצע?

„מיר פארין פראמע צוא דיר" האט זיך אפגערופען דער
קלוגצוואויט, וואס האט זייער גוט פאר שטאנען אירעש „פראמע צו
דיר-אום צו נעמען דיין איינגיל" „מיין איינגיל?" האט זיך דער
פאטער אפ געריפען ווערינדיק בלייך ווי אטוך; „מיין איינגיל
וואס עש ווערט אים ווערען ערשט זיבען יאר אונ איז ביי מיר
אבן יחיד" „א איבער אייך אידין" האט זיך דער קלוגצוואויט אפ
גערופען „מען מיוועט אלץ הערין וואס איר זאגט ווערט ניט זיין
שוין ניט איינער אונטער אייך וואס מיזאל אים קענען נעמען
פאר א העקרוט; מיר ווייסען גוט אייערי קרוצעלסטונעש: דיין
איינגיל שטייט אין דער איסקאסקע אלט צוועלף יאר; אונ ביזט
ער צו נאך א פינעפער; אונ דוא ווערסט דיך שטארק לאזען בעטין
וועלין מיר דיר ווייזען די צעהעדראוואי קניגע; צוא ארויש מיט
דעם בחור דיינעם":

„ווען די זאך וואלט געווען ריכטיג ווי דוא זאגסט" האט
זיך אפ געריפען דער פאטער „דאן וואלט איך מיך פאר געווים ניט
געלאזט בעטין; עש איז אבער גאנץ אומגיקעהרט; נון היישט
עש נור איין קינדער רויב; אונ דאב אזוי דאש רעכט ניט צוא
נעמען אייך מיין קינד" „וואס רעט איר ר' ישראל?" האט זיך
אפ גערופען דער אונטער שמש „איר זעהט ניט מיט וועמען מיר
זייען דא? מיוועט אייך נאך דא צושרייבען אויף מאן" „איך בין
אין מיין רעכענונג קלאר" האט זיך דער ישראל אפ גערופען „מיט
אייך זייען דא קאזאקין; נ' זאמביקעש; מיט מיר אבער איז דער
רעכט; מיר לעבין אונ זער איין געזעץ; איך קען שטעלין
הונדערט עדות וואס וועלין שווערין דאש מיין קינד איז נאך
קיין זיבין יאר אלט; דער רב וואר ביי אים סנדיקע געווען
אונ עש לעבין נאך כוהלים; וואש האבין מל געווען; אזוי האב
איך



איך פאר אייך קיין קינד; אונ ער איז נאר נאך דיא דער ווילע;
אזוי פארט אייך גיזונטערהייט; אונ קלאגט מיך אן ווען איר
ווילט; איך הער אייך ווי דיא קאץ:

„א ישראל!" האט זיך אפ גערופען דער איזבארשציק
„פוצן זייען בארוים די דייא אונ ניט דעם קאפטור; מיר
ווייסין דאש דיין איינגיל איז אין דר היים; עש וואר אפילו היינט
א סימן ביי אים אויף התורה; נון וועלין מיר אים צו נעהמען;
אונ אן שטאט דעם וואש מיר זאלין זיין דיך אנקלאגען זאלסט
דוא זאגן אנקלאגין; נור ציינדיג דעם אלטען שפריכווארט „באך
וויסאקע; אצאר דאלאקע" נון לאמיר דיא דא לאזין אויף א
ווילע זיך צאנקען; אונ אבליק מאן וואש עש האט דער ווילע
זיך גיטאן דארט אין דער אנדערע שטוב וואש דארט וואר דיא
מוטער מיט דעם קינד אונ דיא די דייא אורחים:

ווי זיא האבין דער הערט וואש עש טוט זיך אין פאדער
שטוב; האבין זייא וואש צום גיכסטין צו גימאכט די טיר אונ
פאר רוקט; אונ האבין גיוואלט אנטאן דיא מיידיל אין דעם
איינגעלם קליידער; דאמיט זיא זאלין איהר אנשטאדט אים נעמן;
אונ העטין זייא עש פאספייעט וואלט עס געווים איינגענאנגען כיהאט
אבער באלד אויפגיבראכין דיא טיר; אונ מען האט ארין מיט
פיקעם אונ מען האט זייא דער ווישט ביי דיזער ארבייט; האבין
זייא אויש גיזוכט דיא גאנצע שטוב; אונ דר נאך דיא מוטערש
בעט אונ האבין אים ארויש גישלעפט פון אונטערין פערינע:
וועלכע מענשליכע פעדער איז אין שטאנד צוא באשרייבין דעם
יאמער; דעם גישרייא פון דער מוטער; פון דעם פאטער; פון
דער שוועסטער; דיא אורחים; דער מלמד זייען גישטאנען דער
ביי מיט פאר בראכינע הענט; בלייך אונ שטום ווי מארמארנע
בילדער; זייא האבין גיגעבען דעם שוואלקין האבין אים צוין
גיוויקלט אין א פעלץ; האבין אים ארין גילייגט אין שליטין
אונ זייען מיט אים אוועק; אונ דיא עלטערין זייען גיבליבין אין
דער

דר' חיים ווי א בעטייבטע · בערויבט פון זייער איינציגין זון דאש וואר זייער פרייד · זייער האפענונג · אונ האבין גיקוקט אונ גיהערצט · זיין קאפעטקילע · זיין היטילע · זיין חומשל האבין יעדער בלאט מיט טרעהרין בענעצט · אונ זייען גיפאלין פון איין אונמאכט אין דעם אנדערין אונמאכט · אונ ביז דער פאטער האט זיך אויש גיצוכט פון דיזעם פלוצליכין שלאק · אונ וואר שוין אין שטאנד אן צו געבן איין בישטריפט · האט מען דעם קליינעם שוין אפ גיגעבין · אונ דיא בשורה רעה האט שוין באגושען ביי דעם פאטער דעם מוטה אין גאנצין צו קלאפאטצין זיך אום דעם מיט פראוביס בפרט ניט איין שרייבער האט אים עש גיוואלט שרייבין · אונ דאהער האט ער אפפאלירט (זיך גיווענדעט) צוא איינעם אנדערין מיטיל · צו איינעם פערבאטינעם מיטיל אום זיין קינד צו בעפרייען · איין מיטיל וואש האט אים אונ זיין קינד אויף אלאנגע צייט גימאכט נאך מעהר אונגליקליכער · אלס פריהער ווי א מיר וועלין ווייטער דער צייליין :

## 3.

### דיא פלוכט (אנטלייפונג).

אונזער העלד פון דער געשיכטע °) דער קליינער שואלקע וואר אפ גיפיהרט נאך דעם אפ געבין אין קאזארמע · ער האט דארט דערוויסט מעהר אלס צוויי הונדערט וועזענס (בעשעפינישן) זיין גלייכין · אידישע אינגליך אפגיגעבינע פון פערשיידינע שטעטליך · דערפליך · אונ פון פערשיידינע יארין וואש זייען אלץ אפ גיגעבין גיווארין פאר מאלע לעטנע · אועקם יאריגין וואש

וואר

°) דיא פערזאן פון וועלכע עס ווערט דער ציילט איינע געשיכטע ווערט זוא אנגירופין דיא פערזאן פון דיא געשיכטע אזוי ווערט אנגירופין דיא גאלדע מינע דיא העלדין פון דער געשיכטע «בראדער ענגנה».



וואר עטוואס גיוויקסיק האט מען אים אפ גיגעבין פאר א צוועלף יאריגין · אונ א צוואנציג יאריגין · וואש וואר פון קליינעם וואקס האט מען אים אפ גיגעבין פאר אכצעהן יאריגין · אלע דורך אויס פון ארעמען אונ עלנדין שטאנד · על פי רוב יתומים אדער ישובים קינדער · דאס נעסטער מיטיל פון דיא זייען דארט גיהעסן טרויערע · דיא העכסליך פאר בראכט · אונ האבין איין גיקוקט אין נאמען וועלט ווי א דיא וואלט עמען וואש וועדין איינגישפארט אין איינעם איינגין שטיב · זיך צו נאך וואר דארט צו הערין היא אונ דא איין ווייטערן (איין שטילעם יאמערין) · פון מאנכע מוטער אדער שוועסטער וואש איז גיקומען צו נעמען אפ שייד פון איר קינד · פון איר ברודער · אין אפשייד פירייבט אויף אימער · אונ איינגע האבין זיך ארין גיטוינט הייסע טרעהרין איינער דעם אנדערין אין דיא אויגין טרויעריגער אבער פאר אלעמען וואר דארט אונזער שואלקע · דען ער האט גיהאט צו הויז איינע בעסערע ערציהונג פאר זיא אלעמען אונ אויך איין זייער גוטין קאפ · אונ וואר אויך מעהר גיליבט אונ געצערטעלט פון זיינע עלטערין · פון דיא דורכשניטליכע · מעהר · אלס דיא איבעריגע קינדער · ער איז דארט גיזעסין מיט איינעם פערקלעמטין הערצילע · אין פולער ערווארטונג ווי א בן יחיד אין חדר אום ווינטערצייט · צו זעהען ביי נאכט · דאש דער בעהעלפער זאל אים באלד אפ נעמען פון דארט · אונ אז עש האט זיך נאר דיא טיר גיעפינט האט ער גימיינט · דאש עש גייט ארין דער פאטער · אדער דיא מוטער אום אפ צו נעמען אים · דען ער האט גאר ניט גיוואוסט ווי א דער האן טרייסט ניט פון בני אדם וואש זייער טאן איז דארט אין קאזארמע · אונ האט אלץ גימיינט · גיריבין דיא איינגליך אונ האט ניט א ביסין אין מויל גינומען · אונ אזוי האט ער צו גיבראכט דארט א טאג פינף · אונ וואלט אלזוי דארט גיווים פארשמאכטעט ווען דער אפיציר וואש האט דיזע קליין וואר גאנץ פאטערליך בעהאנדילט זיך ניט דערבארימט איבער

אים

אים אונ וואלט אים ניט ארויש גישיקט אלע טאג מיט א דיארויסקע אויף אפאר שטונדין אין גאס צו חאפין פרישעם לופט ׃ אונ צו קויפין זיך עפיש נאסעריא פאר דיא קאפייקין וואש איהן וועלין אים שיינקין ׃ אונ דאש האט אים נויטקליך אין עטוואס בעלעבט ׃ דאך וואר ער ניט אין שטאנד צו גיין אין זייגע לאנגע בגדים אונ צו גרוישע שטיוויל צעהן מינוטין נאך איינאנדער ׃ איבער דיא שבייעגע גאסין ׃ דען עס ווארין דיא קליידער אונ דיא שטיוויל גינייט פאר צוועלף יאריגע קינדער אבער ניט פאר זיבין יאריגע אונ דאש גלייכין וואר דיא היטיל אים אויך ניט צום טאם ׃ דאש ווא וואר אים איבער דיא אייגליך ׃ דאש ער האט אין דיזע בגדים אויס גיזעהען ווי א מויז אין א פאלונקעסאק ׃ דאש דער דיארויסקע זייגער פלעגט מוזין אריין גיין מיט אים זיך אפרוהן אלע ווילע אין א שיינק אדער אין א קרעטשיל וואש מ'האט זיא ביידיק ניט ארויש גילאזין מיט ליידיגין ׃ דעם איינגיל האט מען גיגעבין א זעמילע ׃ אלעקיך ׃ דעם סאלדאט א שנאפס ׃ אונ דער דיארקע האט גימאכט דער מיט גוטע גישעפטין ׃

גישעפטין פאר וועלכע ער האט דער נאך גאנץ זייער באצאלט ׃ דען דער סוף וואר דאש ער איז מיט אים איין מאל אריין אין אגרויסין שיינק אין וועלכין עס האט זיא פאר בעטין א איהיל ׃ אונ האט זיא דארט ביידין זייער גוט בעפאצעוועט מיט שנאפס ׃ מיט ביר ׃ מיט גובעקס ׃ ביז דער דיארקע וואש ער וואר איין אלטער מאן ׃ דער צו נאך האלב בלינד ׃ אונ האלב טויב וואר אזוי גוויט בערוישט אונ פארטומילט הארט פון דיא משקה אונ פון דעם גרוישין אשציסק דאש ער האט ניט גיוואוסט וואו ער איז אהין גיקומן אונ האט פארלארין זיך אליין אונ אויך דעם איינגיל ׃ האט זיך אומגיטריבין איבער דיא גאסין מיט פארבראכינע הענט זוכינדיק אים אונ האט זיך שפעט אין דער נאכט אומגיקערט אליין אין קאזארמע וואו ער איז דארט גיווארין באלד פון איין היטער (דאש הייסט ער וואש ער

וואר



וואר פריהער איין היטער פון דיא רעקרוטליך איז גיווארין א ראסטאנט וואש מ'האט אים שוין גיהיט) פאר וואש ער וואר ניט אסטראזנע מיט דעם איינגיל ׃ נון פארשטייט זיך דאש מ'האט דעם איינגיל פון אים אב גיגנבעט ׃ עטליכע טעג וואר ער באהאלטין אויף א ישוב וואש וואר א קנאפין מייל פון בערעניץ ׃ אונ דואו עש ווארין באהאלטין נאך א פינף זעקס זיין גלייכין ׃ אונ באכהער ווארין זיא אלע אין איינער פינסטערע נאכט איין גיפאקט אין א גרוישע שטייג וואש וואר אריין גישטעלט אין א וואגין הייא אונ מ'האט דיא אריבער טראנספארטירט איבער דיא גרעניצע זייער לייכט ׃ אונ מ'האט אזוי אראפ גילאזין דארט ביי איינעם אנדערין ישובניק וואש וואר אין בונד מיט דיזעם ׃ זיא האבין דארט צו גיבראכט דיא גאנצע נאכט ביז טאג ׃ אום צו באקומען ווידער אטעם ׃ דען זיא ווארין שוין האלב דערשטיקט ׃ פון דער געפרעסטע לופט אין וועלכע זיא האבין גימוזט אויש הויערין גאנצע צוויא שטונדין ׃ אונ אלס עש האט אויש גיטאגט ׃ האט זיא דער ישובניק אב גישיקט איינציג ווייס מיט באזונדרע פורליך קיין בראד ׃ אונ אזוי אונזער שואלקין אויך ׃ אנגיטאן גאנץ אידיש ׃ מיט אפאר העמדער זאפאס אונ דר צו נאך עטוואס געלט ׃ מ'האט אים דארט אראפ גילאזין ווי דיא איבעריגע אין מיטין גאס ׃ וואו ער איז גיבליבין שטיין גאנץ אליין ׃ אונ גאנץ פארלאזין פון דער עלטערליכע הילפען ׃ עלינד ווי א שטיין אין וואסער ׃ א קינד פון זיבין יאר וואש ברויכט נאך איין אנדערינס הילפע אום זיך אויש צו טאן אונ אן צו טאן ׃ איין וואהרעס בילד דעם עלענדס ׃

נון וועלין מיר אים לאזין שטיין אונ מיר וועלין אונז ווענדין אויף אווייל צו זייגע עלטערין אום צו זעהען וואש פון זייא איז דא גיווארין ׃

4.

## „דיא עלטערן“

באלד נאך דיא גישיכטע האט מען איינגע עלטערן פון
דיא אנטלאפענע קינדער זייער פעסט איינגיזעצט ; אונ עס האט
זיך איבער זייא אפגעקריגט איין קאמיסיע וואס האט גימאכט זייער
שטרענגע שלעדצטוועס צו וואכן זייא ניט בעטהייליגט (ניתאם
איב) אין דיזער גישיכטע ; דיזער פראצעס האט גידויערט איין
היפשע צייט ; אונטער דיא צאל פון דיא אונגליקליכע עלטערן
וואר אויך אונזער ישראל ; אונ אלס עס האט זיך דאקאזעט
דאס דרייא פון זייא וואס איינער דער פון וואר דער פאטער פון
דעם שואלקין האבן דר פון גוואוסט האט מען זיי אלע דרייען אפ גגעבן
פר סאלדאטן ; אונ מען האט זייא אוועק גישיקט אין דיא ווייטסטע
גיבערנעס איבער אלע בערגען ; אונ פון דעם ישראלס שטוב
אונ גיווארן איין הל עולם ; דיא ווייב האט שוין גימוזט דיא
קרעצמע איינגלאזין וועגן פיל אורזאכין ; ערשטינס ווייל דער
אוקאז פון דעם ארויש טרייבן פון דיא גרעניצין איז דורך דעם
גיווארן פיל שטרענגער ; צווייטינס האט זיא פאר לארן כמעט
דיא אויגן וויינענדיג איבער איר קינד אונ איבער איר מאן ; אונ
וואר שוין אלזוי גאנץ אונפעהיג (אונטויגענדיג) צוא פיהרן א
קרעצמע ; פערטינס האט שוין גיפעלט דיא פרנסה אויך ווארום זיא
האט איר מאן פאר לארין ; דען עס האט שוין קיין דעכטער ניט
גיוואלט אהין פארקערן ; ווייל קיינעם וואר ניהא צו הערין איר
גיוויין ; איר געיאמער ; אונ אויש צו הערן פון איר דיטרויעריגע
גישיכטע וואס עס פלעגט איר ניט ווערן מיאוס אונ מאוס צוא
דער ציילן צעהן מאל אין איין טאג ; זיא האט איינגילאזין דיא
קרעצמע מיט ווירטשאפט ; דען וויא איזדארט גיבאהרין גיווארין ;
זיא אונ אירע עלטערן אונ עלטערנס עלטערן פון כמה דורות ;
האט פארקויפט אלע אירע שפאדקעס ; האט איין גינומען אירע





חובות ; האט גינומען דעם וואנדער שטאב אין איין האנד ; דאס
סידורל אין דער אנדערער האנד ; אונ האט זיך ארויין גישלעפט
קיין דובנא וויא איין צווייטע נעמי מיט דער רות אונ האט זיך
באזעצט אין א קליין שטיבל וואס איז אין עק שטאדט ; וואס
האט צו זיך א גארטין גיהאט ; האט זיך גיקויפט א קוא אונ צו
פארקויפן דיא מילך אין שטאדט ; דר צו נאך ; פלעגט זיא באקן
גיבעק וואס דיא סידיל פלעגט עס אויש טראגן אין שטאדט
אונ האבן זיך אלזוי גענערט דר פון גאנץ קימעריליך :

עס זיינען זיך איבער גיגאנגען מעהר אלס צעהן יאר דאס
זיא האט ביי אלעם איהרן שרייבן אונ נאך פרעגן זיך ניט
גיהערט ; ניט פון איהר מאן אונ ניט פון איר קינד ; זיא האט
ניט גיוואוסט צי זייא לעבין צי זייא זייען גישטארבין ; אונ האט
אלזוי ערווארטעט איין ווידער זעהן זיך מיט זייא נור אין יענעם
עולם אונ דאהער האט זיא מיט אונגעדולד ערווארטעט דעם טויט
וועלכער עס וועט איר פאר גיוויס פאראייניגן מיט זייא דארט :

דיא וועלט אבער מיט איהרע גישיכטען „זאגט איין
גיוויסער חכם“ ווידערהאלט (האזערט זיך איבער) זיך אין יעדען
דור נעמי דיא ערשטע איז גיווארן גיטרייסט דורך דעם בועז
וואס ער איז גיווארין איין מאן פון איר שנור אונ זיא איז גיווארין
אויך איין עטוואס גיטרייסט דורך איין גיוויסין איציק שטראם
וואס האט זיך פערליבט אין איר טאכטער ; וואס וואר שוין א
מויד פון איאר איין אונ צוואנציג ; זייער שיין אויש גיוואקסין אונ
פון זייער שיינעם אויף פיהרונג דיזר איציק וואר איין יונגער מאן
פון איאר זעקס אונ צוואנציג ; איין קאלאניסט פון עקאטרינעסלאוו
וואס האט ניהאט אגאנץ שיינע ווירטשאפט פון זיינע עלטערין
בירושה ; אונ וואס וואר אליין איין זייער גוטער ווירט (חאזאין) ;
ער האט איר גינומען וויא זיא שטייט ; אונ גייט ; אונ מיט איר
האט ער מיט גינומען אויך דיא מוטער אהין ; אונ עס וואר זייא
דארט אלעמען דרייען זייער גוט ; אים וואר גוט דען ער האט

אין דעם מיידכען באקומען א גוטע פרויא א גוטע ווירטין · אונ אין דער שוויגער איין הייסע מוטער · אונ זייא ביידע ווידער וואררין אויך העכסט צופרידין מיט אים · דען דיא טאכטער האט אים דער וויסט איינען זייער גוטין מאן ; איין מפרנס איין ארענטליכין מענשין · אונ דיא מוטער ווידער האט דר וויסט אין אים איין גוטין זון וואש זאל ניטערין איר עלטער · אין א משך פון איין יאר האט ויא דער לעבט א איינגיל פון דיא · אונ האט אים א נאמען גיגעבין «שואל ישראל» נאך איר זון אונ נאך איר מאן וואש ויא האט זייא גיהאלטין שוין פאר לאנג גישטארבין · אונ האט זיך מיט אים גיפרייט וויא דיא נעמי מיט דעם עובד וואש רות האט אים גיבאהרין פון דעם בועז · אונ נאך מעהר דען ער וואר דאך איהרער איין איינקיל :

## 5.

### «שואלקע»

מיר האבין דעם שואלקין דא ניט לאנג אוועק גיווארפין אין איינע פון דיא ברארער גאסין · אלס איין עלינדעם אונ פאר לאזעגעם קינד · אן עלטערין אונ אן באקאנטע אזוי גאר ; וואש זאלין פאר אים וואש זארגין אונ זיך פאר אים קימערין · וויא עש איז ווארט דאש נאך וואר קיינער אזוי ווייט פון מענשליכע הילף אונ נאך מעהר פון איינינע הילף וויא ער · דען וואש קען איין זיבין יאריגעם קינד טאן פאר זיך אין איין פרעמדין שטאט אונ אין איין פרעמדין לאנד · דאנענען (פארקערט) אבער וואר נאך קיינער אזוי נאהענט צו דער געטליכע הילף וויא ער וואר דען דער גאט וואש שיקט צוא דעם אדלער אויף צוא נעמען אויף זיינע פליגלין דאש נייע גיבאהרינע קינד פון דעם שטיינבאק °) האט אויך אים באלד צו גישיקט איין גינעהרער

אונ

°) אונ דיא חכמים דרשנען אויף דעם פסוק «הידעת עת



אונ גראדע הויך אזוי איינעם וואש וואר פון נאטור איין אכזר אונ א גרוישער גייץ · אונ דר צו נאך איין מענש פון דער נידעריגסטע קלאסע · וויא ער (גאט) האט אמאל גינעהרט דעם אליהו הנביא זכור לטוב גראדע דורך דיא ראבין וואש זיינען דיא גרויסאמסטע (אכזרים) אונטער אלע פייגליך ועלבסט געגין זייערע קינדער · וויא דער פסוק זאגט «לבני עורב אשר יקראו» דאש הייסט דיא קינדער פון דיא ראבין בעטין בייא גאט עסין ווייל זייערע עלטערין ווארפין זייא אוועק · דען אזוי איז אימער דיא הנהגה פון גאט ; וואש ער באקומט ארויש וואכר פון פעלין אונ רחמנות פון איינעם הארטין מענשין :

דיזער איינער וואר איין גיוויסער רייכער פערד הענדלער יאסעל סלאפינער · דיזער יאסעל האט זיך אנגיטריבין דייטשינדיק אויף א שיינען פערד וואש האט זיך פון איינאנדער געיאגט · אין דער ועלבינע מינוט וואש מיהאט דעם שואלקין ארונטער גילאזין פון פנר · אויף דער שטעלע וואו ער איז גיבליבין שטיין · אונ האט אים איבער גירייטין ; מיהאט דעם פערד באלד איינגיהאלטין : אונ דער יאסעל איז אליין צו גיגאנגען צו דעם קינד · אונ אלס ער

האט

לדת יעלי סלע (איוב ל"ט)» — דאש דער שטיינבאק איז אגרוישער אכזר איבער דעם ולד וואש זיא טראגט נאך אין בויך · דאש זיא וויל אים טייטין · אונ קריכט דאהער ארויף אלס זיא דארף מוליד זיין אויף איין הויכין פעלזין · דאמיט דאש קינד זאל בייא דעם ארויש פאלין פון איר טוטערלייב אומקומען ; דאש הייסט ארונטער פאלין אויף דיא שפיציגע פעלזין אונ נהרג ווערין ; דא שיקט גאט אין דר ועלבינע מינוט אונטער איינען גרויסין אדלער וואש פאנגט אויף אויף זיינע פליגלין דאש נייע גיבאהרינע קינד ; דאמיט עש זאל זיך ניט אפשלאגין ; ער לייגט דאש קינד אוועק אין אוואלד אונ דארט ווערט עש גיזויגין אונ גינעהרט פון ווילדע ציגין : אונ פון הירשין :

האט אים דערוויסט צו בלוטיגט אונ צו שלאגין ׃ האט ער אים אויש איינעם ווילן גילאזט אפ פירק צו זיך אהיים ׃ דען וואנסט וואלט ער בלייבן לגין ׃ אונ גימאנד וואלט דעם יאסלען ניט אנהאלטין ׃ גיגוג ער האט אים גיבראכט צו זיך אהיים ׃ גירופין באלד אדאקטאר ׃ וואש האט אים באלד רעוויזירט ׃ אין גיבונדין דיא וואונדין ׃ אונ אהענטיל וואש האט זיך דר ביא אויש גילונקין ׃ גאנצע פיר וואכין האט ער ניט גיקענט ארויס פון בעט וואש אין דיזען משך האט אים דער יאסעל דר ווייליע זייער ליב באקומן ׃ דען ער האט איינגיזעהן דאש דיזער קליינער איז זייער קלוג ׃ איז קלאר אין תורה ׃ אונ האט אים נאך ליבער באקומען אלס ער איז גיוואר גיווארין פון אים דאש ער איז דעם ישראל ווארעספויערס א איינגיל ׃ וואש ער פלעגט זיך שטענדיג דארויט פיטערין ׃ אונ אלס ער איז גיוואר גיווארין דר נאך פון דער גאנצע גישיכטע ׃ האט ער אים שוין ניט אוועק גילאזין פון זיך ׃ האט אים אוועק גיגעבין אין א חדר צו אגוטין רבין ׃ האט אים גאנץ ארענטליך גישוכט אונ גיקליידט אונ האט אים גיהאלטין וויא איין איינגענעם זון ׃ דען ער האט קיין זין גיהאט נור צוויא מיידליך ׃ וואש ווארין אין עטוואס איינגער פאר דעם שואלקין ׃ אונ האט אלזוי גיהאט דר ביא איינע אויסזיכט צוא געבן אים פאר א חתן פאר זיין עלטערע מיידיל ; אונ גאט וואר מיט דעם קינד ׃ דאש ער האט נושא חן גיוועזן אין שטוב ביא אלע הויז לייט אונ אין קלייזיל וואו ער האט גיוואוינט ביא עם דארטיגין עולם ;

אונ ביא אלעם דעם ׃ האט דיא מוטער פון אים ניט גיוואוסט ׃ אונ אזוי אויך ער ניט פון דער מוטער ׃ דען דער יאסעל האט אויש קלוגער פארזיכט אים פארבאטין ׃ צו מאכין דיא מינדעסטע נאכפראגע אויף איר ׃ אדער צו שרייבין צו איר דען וויא מען וואלט נור דעם מינדעסטין שפור (סלאד) דער שמעקט פון אים ׃ וואלט מען אים באלד הער אויס גיפאדערט פון

עסטרייך



עסטרייך צוריק קיין רוסלאנד ׃ נור דאש האט ער ניט גיוואוסט מיט דער ציים דאש זיין פאטער איז צו ליב אום איין סאלדאט גיווארין ׃ אונ האט אים זייער שטארק באדויערט אונ באדויערט ׃ דר ווייליע האט זיך דיא ציים אוועק גיראלט (אוועק גיקייקילט) דאש היישט עש איז איבער גילאפין איין יאר נאך דעם אנדערין ׃ אונ אונזער שואלקע איז זיך גיווארין אלט איאר אכטצעהן ׃ אונ האט חתונה גיהאט מאקע מיט דעם יאסעלס מיידיל ׃ אונ איז זיך גיווארין א סוחריל ׃ אונ האט זיך צו גישלאגין אין איאר דריא פיר צו א היפשין קאפיטאל ׃ וואש אין יענע ציימין אין העלבע דער מסחר פון קאנטערבאנד איז גיוועזן זייער גרויש וואר עש גאנץ גיוואונליך דאש יונגע לייט פלעגין אין בראר אין אקורצע ציים ווערין זייער תקיף אין מעמד ׃ אונ אונזער שואל וואר אויך קיין גרוישער שונא פון דיזעם פרנסה גישעפט ; דאך אבער איז בעוויזין שוין פון דער פראקטיק דאש ניט איינער פון יענע וואש ערלויבן זיך צו האנדלען מיט דיזער פערבאטינע וואהרע זייען גישטארבין רייך ׃ על פי רוב ווערט מען דורך דיזעם מסחר אליין אויך בגראבן ׃ אונ מען בעגראבט דער צו נאך דאש פאריגע ביסעלע וואש מיהאט נאך פריהער גיהאט ׃ אונ אזוי וואר דער פאל אויך מיט אונזער שואלקין וויא מיר וועלין דא באלד דער ציילין ׃ נון מיינע טייערע לעזערין פאסע מוטה (שטערקע דיך) אום אויש צו הערין דעם לעצטין קאפיטיל פון דיזער ערציילונג ; דען וואנסט קען עש דיר דיין הערץ צו זאמען פרעסען ׃ דאש דוא ווערסט עסין פארגעסען :

## 6.

### „איין גרויסעם אומגליק“

אין איאר פופצעהן ארום נאך אונזער שואלקעס אנטלייפין וואש דאש וואר אין עטליכע יאר ארום אלס אלכסנדר דער צווייטער איז גיווארין קייזער ׃ אין איינער פינסטערע ווינטער

נאכט

נאכט: האט דער גערעקטער פון דער טאטאזנע וואס איז לעבן
דעם עסטרייכערישן גרעניץ ניט ווייט פון ראדעוויל, באקומען
ווינט (א ידיעה) דאס עס גייט איין גרויסער צוג קאנטערבאנדע
אונ האט דאהער פערהאפעלט דארט די וואכען מיט אוואריען
אויף אלע שטעלין דורך וועלכע די טראנספאטירער פלעגין אם
לייכטעסטין צו אריבער טראנספארטירן זייערע קאנטערבאנדע
דיזע פארזיכטיקייט איז גישעהן זייער שנעל: אונ זייער גיהיים
דאס די טראנספאטירער האבין דעם סינגעסטין ווינט (ידיעה)
דער פון בעקומן: אונ זייען זיך מיט זייערע סחורה גאנץ זיכער
גיגאנגען: דורך איינעם גדיכטין אונ פינסטערין וואלד: עס
וואַרין זייערע צעהן פארשוין מיט דרייא בריקעס וואס וואַרין
געשפאנט צו פיר פערד: קוים זייען זייא אריבער דעם גרעניץ
זייען זייא איבער גיפאלין צוואנציג מאן אוואריען: דאך די לייט
וואס וואַרין שוין ערגרויט (דאס הייסט אלט גיוואָרין) אין דיזעם
גיפעהרליכין גישעפט האבין פאספייעט אפ צו האקן וואס צום
גיכסטין די פאסטראנקים: האבין זיך ארויף גיהאפט אויף די
פערד אונ טהו צוריק: האבין זיך צו שפרייט אונ זייען גילאפין
רייטענדיק דורך פערשיידינע ערטער: אונ האבין די בריקעס
גילאזט שטיין: אונ די אוואַרין וואס האבין ניט גיזעהן וואו
זייא זייען פארשוואונדין ווייל עס וואר זייער פינסטער האבין
זייא - זייא נאך גישיקט נור זייערע בלייערנע קוגלין (קוילין): דאס
הייסט זייא האבין אויף זייא גישאסין אויף גראטהע וואויל (דאס
הייסט נא אההאד): אונ האבין אלזוי ניט איינעם גיטראפין: אונ
זייען אלזוי אנטלאפין נור איינער פון זייא וואס האט זיך פאר
אירט אונ איז גילאפין אלץ לייענגסט דעם גרעניץ: דאס הייסט
ניט איבער דעם גרעניץ נור פאזע גרעניץ: איז אנגיגריפין
גיוואָרין פון איינעם אוואַר: האט אים אויף דער שטעלע אראפ
גירימין פון פערד: אונ האט אים אנגיהייבין צו שלעפין צוא זיין
נאציילניק וואס וואר פון דארט אפאר ווערסט: אונ דיזער

איינער



איינער וואר אונזער שואלקע: וואס זיין שלימאזיל וואר נאך ניט
מיר אים דורך צו זיין: אייאר דרייא פיר האט ער אים אלץ גינארט
מיט נויע פארדינסטין אין דיזעם פארבאטינעם גישעפט ביז ער
האט אים הער אויס בעטראגין דאס ער זאל זיך וואגן ביז
איבער די גרענצין אין אזוי אלאנד אריין וואו ער איז פאר
משפט שוין פון לאנגע יארין אלס איין דעזענטיר (בייעגלער
סאלדאט):

ער וואר ערגריפין: גיבונדין די הענט אהינטער: אונ
נאך גישלעפט נאך דעם רייטער: דאס הייסט נאך דעם אוואר
וואס איז גירייטין אויף דעם פערד: אונ שואלקעס פערד איז
דער ווייל אנטלאפין: דיזער צוג (מארש) איז אבער גיגאנגען זייער
לאנגזאם (פאמעליך) ווייל עס וואר דארט קיין שטעג קיין וועג:
דער צו נאך וואר דארט זייער פיל שנייא אונ די בוימער העכסט
גידיכט: אלזוי האט שוין גיהאט דער גיפאנגענער גינוג צייט צו
אונטערהאנדלין (צו ריידין) מיט דעם אוואר "ליבער פריינד"
האט ער זיך אפ גירופין צו אים "בינד מיך לויז אונ לאז מיך
לויפין אונ דיר פאר וועל איך דיר צעהן רובל געבין: זאנסט בין
איך העכסט אומגליקליך: אונ דוא זעסט דער פאר גאר נישט
האבין "מיין ברודער" האט זיך דער אוואר אפ גירופין "ביי מיר
איז צעהן רובל אשפייא דען איך האב גינוג געלט: איך דין
ביי די גרעניצין שוין עטליכע יאר: אונ פון דעם אדריטיל פון די
סחורה וואס איך כאפ: אונ גיכאפט האב איך שוין אפילע: נון
בין איך שוין רייך: אונ ווען ניט רייך זייענדיק וואלט איך עס
אויך ניט גיטאן: ערשטינס בין איך איין גישווארינער: אונ
צווייטינס איז ביי מיר ווערט אלע געלטין צו ווייזן מיין
נאציילניק דאס איך בין טרייא דער שלוחבע מיינע: אונ דריטענס
ווען איך וועל דיך לויז לאזין וועל איך מיך קיינע טובה טאן אונ
דיר אויך ניט מיר: ווייל מיין נאציילניק קען זיך זייער לייכט
דערוויסין דאס דוא וואַרסט אונטער מיינע הענט אונ איך האב

דיך

דיך לויז גילאזין · דען פֿערוויים צו קוקט ניט איינער פֿון אונזרע לייטע פֿון איינעם בוים ארונטער · אונ ניט איינמאל וואר שוין דיזער פֿאל · דען אונזערע נאצייאלניקעס זייען זייער שטרענגע · אונ דיר וועט קיין טובה זיין ווייל וויא דוא וועסט נור פֿון מיר אוועק לויפֿין וועסטו דוא אריין פֿאלין אין דיא הענט פֿון איינעם אנדערין · דען דער דירעקטער האט שוין מיט אפאר טעג פֿריהער שוין ווינט באקומען (א ידיעה גיהאט) דאש איר וועט אין דיזער נאכט פֿיהרין קאנטערבאנד · אונ האט אוים גישטעלט וואכין ביי יעדעם אויסגאנג אונ אריינגאנג :

„אונ ביי אלעם דעם״ האט זיך דער שואלקע אפ גירופֿין „לאז מיך לויז אונ בעט ביי מיר דעם גראסין · אונ ווען עש זאל שוין זיין וויא דוא זאגסט עש וועט מיר איין צווייטער חאפין וועט יענער אויך נעמין ביי מיר דעם גראסין אונ וועט מיך פֿאר גיוויס לויז לאזין · דען ווירקליך בייט דוא דער ערשטער פֿון אייערע לייטין וואש לאזט זיך אזוי שטארק בעטין מיט דעם גראסין · איך בעט דיך לאז מיך לויז · דען פֿון דיינעם פֿריסטאווין מיך פֿאר דיין נאצייאלניק וועט קיין גראסין אין דער קרוין אריין קומין · דען דוא האסט דאך מיך ניט גיחאפט מיט קאנטערבאנד · אונ אלזוי ווילסט דוא אויך דער פֿון גאר נישט האבין · אונ מיך וועסט דו מאכין העכסט אומגליקליך ״העכסט אומגליקליך : וויא אזוי ?״ האט זיך דער אוזאר אפ גירופֿין צו אים אויף אידעש שוין ווייל עש וואר אים שווער דאש צו זאמען ריידין זיך מיט אים אין דער רוסישע שפראכע „דוא וועסט דאך וויא דוא זאגסט אליין קיין שטראף דארפֿין באצאלין ווייל איך האב דיך ניט אנגיחאפט מיט קאנטערבאנד · אונ פֿאר דעם גרעניץ אריבער לויפֿין קומט נאך היינטיגע גיזעצע איין קלייניגקייט גאר · אלזוי איז שוין פֿון דיר איין גרוישער אומרעכט צו פֿארלאנגין פֿון מיר דאש איך זאל איבער אזוי אנגלופֿעסט ווערין איין שווארצבריכיגער (עובר שבועניק) · דען ווען דוא וועסט צוא דיא ניין צעהן קערבליך

וואש



וואש דוא ווילסט מיר געבין צוא לייגין נאך עטליכע קערבליך וועסט דוא אין גאנצין לוין ווערין · אונ איך וועל בליבין ביי מיינעם ריינעם געוויסען :

„ווען דוא ווירקליך אין יודע בייזט וויא מיר דוכט זיך פֿון דיינער אוים שפראכע (הידין)״ האט זיך דער שואלקע ווייטער אפ גירופֿין צו אים מיט אגרויש גיוויין „אט האב איך גאט אין הארצין אונ מאך מיך ניט אומגליקליך : לאז מיך לויז ! איך בין איין גיבארינער יודע״ האט זיך דער אוזאר אפגירופֿין „אונ בין נאך איצונד מעהר יודע אלם ווייטנדיק אין וואלגערין אין דער היים · דאש הייסט פֿיל פֿרימער נאך · אונ בין דער צו נאך איין גרוישער יודענפֿריינד · אונ האב אלזוי נאך בין העט קיין מענשין אומגליקליך גימאכט · דען איך בין פֿון צו הויז איין אדעל מאן אונ מיהאט מיך ניט אפ גינעבין אין מיין שטאדט חלילה פֿאר איין רעקרוט ווייל איך וואר איין ווייסער חברהניק אדער איינער פֿון דיא גראבע איינגליך : מיך האט מען נור פֿון דער רעגירונג פֿאר משפט דר צו ווייל איך האב מיינעם איין אפ גינעבינעם איינגיל אריבער טראנספאטירט איבער דיא גרענצין · עש איז שוין דוא גישיכטע באלד איאר אבטצעהן · נון וויל איך ווייניגסטענס וויסען מיט וואש וועל איך דיך מאכין אומגליקליך מיט מיינעם פֿריסטאווין צוא מיין נאצייאלניק : עש איז ביי אונז אזעלכע גישעפֿטין אלע טאג · עש קאסטעט אקליינינקייט · אונ מען ווערט לויז״ „אונ איך מיין פֿריינד״ האט זיך אפגירופֿין דער שואלקע „האב דאש אומגליק צוא זיין אין רעזערטיר דאס הייסט איין אנטלאפֿינער סאלדאט · מיינער אפֿאטער האט מיך טראנספאמירט איבער דיא גרענצע באלד נאך מיין אפ געבין מיך · איך וואר דאן א קינד פֿון איאר זיבין : אזוי מיין פֿריינד ווען איהר וועט מיך פֿריסטאווין פֿאר דעם נאצייאלניק אייערין · קען עש זייער לייכט ארויש אויף דעם טעלער ווער איך בין · אונ דאן בין איך פֿארלארין · דאהער בעט איך אייך האט רחמנות איבער מיינע

יונגע

RECOGNITION SCENE



יונגע יארין · איבער מיין יונגע פרויא אונ איבער מיינע צוויא קינדערליך · אונ לאזט זיך לויפן „אונ וויא הייסט איר ?" האט אים דער אוזאר גיפרעגט וויא האלב צו מישט „איך !" האט ער זיך אפ גירופן · „איך הייס שאול" „אונ וויא הייסט אייער פאטער ?" האט אים דער אוזאר ווייטער גיפרעגט מיט נאך מעהר אינטערעסע אלס פריהער „וויא ער איצונד הייסט וייס איך ניט · דען פילייכט איז ער שוין טויט · דען ער וואר אויך פאר משפט וויא איר פאר דיזער גישיכטע פאר א סאלדאט · נאן ווייס איך ניט צווא האט ער דיזעם אומגליק איבער גילעבט איין יאר · נור בינוג ער האט דאן גיהייסן ישראל אונ האט גיוואוינט אין אקרעצמע ווארעפוי · וואש צו ליב דעם האט מען אים שאקע גירופן ר' ישראל ווארעפויער · ער וואר איין בראווער ערליכער מאן · איין בראווער מענשענפריינד :

קוים האט דער אוזאר אויש גיהערט פון דיזעם יונגן מאן דיזע קורצע ערצייהלונג · איז ער אים ארויף גיפאלן אויף דעם האלז אונ האט אנגיהייבן צו שרייען „מיין זון · מיין לעבן · מיינע האפנונג · נון זעהען מיר אונז ווידער · דען איך בין דיין פאטער · איך בין עש דער ישראל ווארעפויער · איך האב שוין גאר ניט גיהאפט וואש פון דיר צו הערין · אונ פשיטא שוין צו זעהן · דען אלע מיינע פראגן ווארין אלץ גאר אומזיסט · אויך ווייס איך ניט פון דיין מוטער · ערשט איין האלב יאר דאש איך בין ביי דיזעם גרעניץ · דאש גלייכן ווייס איך ניט פון דיין שוועסטער · נון זעהען מיר אונז ווידער · ליידער אבער וואש פאר איין ווידער זעהן באלד ניט פרייליכער פאר אונזער שיידין אונז פאר איאר אבטצעהן · איך אלס סאלדאט אונ דוא אלס רעזערטיר דער צו נאך אלס גיהאפטער קאנטרעבאנדיסט · אונ וואו אין איינעם פינסטערין וואלד אונ אין איינער דונקלע נאכט · אזוי גיפעלט עש גאט · אונ אזוי מוז עש אונז אויך גיפעלין · נון גאר גיוויינט אונ ווידער גיוויינט · זיך גיקושט אונ ווידער

גיקושט



גיקושט · אונ זיך אריין גיקוקט זיך איינער אין דעם אנדערינם גיזיכט · אום צו דער קענין זיך אין דער ווירקליכקייט · אונ וויא גיוואונליך וואר עש פיל לייכטער דעם זון צוא דער קענין דעם פאטער אלס דעם פאטער צו דער קענין דעם זון · וואש איז אוועק פון איהם אלס קינד נאך · אונ אזוי האט מען זיך איינע צייט לאנג אנגעקוקט מיט שטומע בליקן ביז דער פאטער האט זיך אפ גירופן · צום זון „נון מיין ליבעם קינד · דיא צייט איז קורץ · אונ האט איך זייער ביטער · זאל איך דיך לאזין לויפן ביזט דוא ניט זיכער נאך מיט דייך לעבין אויך · דען דוא קענסט דייער לייכט דער שאמין ווערין פון דיא פאטראלין וואש דרייען זיך אין דיזער נאכט אום אין אלע ווינקליך · צווישען הילכן מיר אונז שוין ווידער זיך ניט זעהן אין דער אייביקייט · דען ניט איך וועל קענין דעם גרעניץ אריבער צו דיר · אונ אזוי אויך דוא אהער ניט · דאהער קומט ביי מיר אויש מיין קינד · דאש איך וועל דיך פריסטאווין פאר מיין פאלקאווניק · ער איז איין בראווער ערליכער מאן · אונ איך בין ביי אים זייער ביאבטעט אונ אויך גיליבט · איך בין זייער אפט זיין ארדעגאנץ · אונ לאזט זיך קיין מאל מיט ליידיגין אוועק פון זיך · דען ער האט ערפראבט מיינע ערליכקייט אונ מיינע פינקטליכקייט · קורץ דער פון איך גיפעל אים זייער · נון וועל איך אים דער צייליו דיא גאנצע גישיכטע · דאש הייסט דאש דוא בחזה מיינער אזן וואש מיהאט דיך אפ גיגעבין אין זיבעצעהן יאר · אונ דער צו נאך אבן יחיד וואש דאש איז גאנץ דערווידער דיא גיזעצע · אונ דאש זיך האט מען אפ גיגעבין נור דער פאר וואש איך האב דיך טראנספאטירט איבער דיא גרענצע · נון ווערט דיזער אידילער מאן גיוויס טאן פאר אונז · אונ ווערט מיט דער געטליכע הילפע וואש גוטעס אויש ווירקען פאר אונז :

„א ליבער פאטער !" האט זיך דער שואלקע אפ גירופן „מיך שודערט אונ שרעקט פאר דיזעם גידאנקן · דען איך פירכטע

דאש

דאס איך װעל טאָן איין סאלדאט־װערין װיא דוא״. פירכטע דיך ניט מיין קינד״. האט זיך דער ישראל אָפּ גירופן. גראדע אומגיקערט. איך האָפע דאס צו ליב דיר װעל איך נאָך אויך בעפרײַט װערין״. ביא דיזעם גישפרעך איז אנגיקומען גראדע איין קאָרנעט מיט צװייא אױאַרין. אונ דאן האט שוין דיא זאך גינומין איהר גיזעצליכע װענדונג. דאס הייסט דער ישראל האט דעם זון זיינעם װילענדיק אָדער ניט װילענדיק פאר גישטעלט פאר זיין נאַצײַלניק. אונ אויף מאָרגין האט ער זיך גילאָזט מעלדין צו זיין פּולקאָװניק. אונ האט אים דאָרט צײַלט דאס הערגאנג (טרעפונג) פון דער גאנצער גישיכטע. אונ האט אים גיגעבין זייער שטארק דאס ער זאל זיך פערװענדין פאר אים. דיזע גישיכטע איז פאר גיקומן דעם פּולקאָװניק. אזוי פרעמד. אזוי װאונדערליך אונ זעלטין. אונ בפרט נאָך איר ענדע דאס איין איינציגער פאטער האט גיכאפט זיין איינציגעם זון. דאס ער איז באלד אויף דער שטעלע אװעק צוא דעם גענעראל װאס ער װאר אגרױשער פערפאסער (סאָצעניטעל) דאס הייסט א מחבר װאס מאכט אליין ביכער. אונ האט עס אים דאָרט צײַלט. ער האט זיך זייער שטארק פאר װאונדערט איבער דעם גאנג (חאד) פון די גישיכטע דאס עס האט זיך אים גאר ניט גיגלייבט דאס עס איז װירקליך אזוי גישעהן. ביז ער האט זייא ביידין גילאָזט רופין צו זיך אונ זייא האבין אים דאָרט צײַלט דיזע גישיכטע אליין פון אנהייב ביז ענדע אונ אלס ער איז גיװאָר גיװארין דאָרט נאך פון דיא דארטיגע שטאָדט לײַט דאס דער ישראל איז װירקליך דער פאטער פון דיזעם שואלקין. אונ דאס מיתאם דעם זון אפגיגעבין אין זיינעם זיבענטין יאָר אונ דר נאך דעם פאטער פאר װאס ער האט אים טראנספּאָטירט איבער דיא גרענצע. האט ער דיא גאנצע גישיכטע באשריבין. אין איינער פערפאסונג (חבור) זייער קורץ אונ זייער שיין. טעאטראלעם. דאס הייסט דאס מען זאל עס

קענין



קענין שפּילין אויף א טעאטער. אונ האט עס אװעק גישיקט צו דעם מיניסטער:

## 7.

### "ענדע גוט אַלעס גוט"

עס האט ניט לאנג גידויערט. אונ עס איז גיקומען א באפעל פון דעם מיניסטער. דאס מען זאל דעם פאטער מיט דעם זון בעפרײַען אויף דער שטעלע. אונ מען זאל מאכין נאָך דר צו א שטרײַבע שלעדסטװא. אונ װען עס װעט זיך ארויס װייזין ריכטיג דאס דער שואלקע װאר דאן נאך ניט אלט קיינע צװעלף יאָר. אונ דאס ער װאר נאָך דר צו א בן יחיד. זאל מען דעם איזדאמציק משפטין װיא איין פרעסטופניק. אונ דיא אפּצעסטװא זאל זייא בעפרײַדיגין מיט א גיװיסע סומע געלט. אונ דאס איז באלד גישעהן. אונ דאן האט זיך דער שואלקע אריין גיקליבין צוריק קיין רוסלאנד מיט װײַב אונ קינדער. האבין באלד אויפגיזוכט דיא מוטער מיט דער טאָכטער. אונ האבין זיך בעזעצט אין דער זעלבע קאלאנע װאו זייא האבין זייא דר װױסט װאונענדיק. װער קען בעשרייבין דיא פילע פרײַדין פון דיזער פאמיליע ? פילע מאנאטע נאך זייער צו זאמען קומען פלענין זייא זיך איינאנדער דער צײַלין װאס עס איז מיט זיי גישעהען אונ זיך פאסירט אין דיזען טרויעריגען לאנגין משך. נון גאט זייא דאנק. דאס אין אונזערע צײַטין װאס מען נעמט שוין ניט קליינע קינדער געשעהעט שוין ניט אזעלכע טרויעריגע גישיכטין. אונ דאס האבין מיר צו דאנקען אונזער קייזער אלכסנדר. גאט זאל אים מאריך ימים זיין אויף זיין טראָן אמן ואמן:

גאייגע אידעלע פארנעלטונג פון איין געהיסענעם ישוב מאן

מיט איאר עטליכע אונ פערציג צוריק · דאש הייסט פר דעם איין אונ דרייסיגסטן יאר · אלם דער פוילישער אדעל (פריצים) וואררין נאך אלם קליינע פירשטין אין ליטע אונ אין פוילן · אונ דיא לאנדעס בעזעטצע וואררין פון זיי פארשערצט (פערשפאטעט) נאך מער זייא היינט די רעליגיאנע · דען יעדער פון זיי האט גיהאט צו שאפען אונ צו וואלטן איבר כמה וכמה זיילען (דושעס) דאס הייסט פאראנעס איבר טויט אונ לעבן · אונ ווארן מיט דער בייצע בעשעפטיגט נאך פיל מער אלם דער בויער מיט דעם הרעספלענעל (צעפ) דאס הייסט עס ווארן די לאנד לייטע געשמיסען אין דיא הויפן פון פריא מארגן ביז דעם שפעטסטן אווענד פלעגט עם זיך זייער אפט צו טרעפן דאס באגבר אידעשער היגטערער וואר אויך אונטער דיזע אונגליקליכע אריין גימישט · אום צו ערפילן די צאל יעדעם אום אוים צו פילן דיא צייט · אונ וואר גיברויכט אלי׳ פר איין קיץ המזבח °) אונ דעק ניין אבשפט אויף דעם פריץ וואר אונמעגליך · ערסטינס (אין אדם יכול להון עם מי שתקיף ממנו) דאס הייסט מען קען נים אנטקעגין אתקיף אום פירן · אונ צווייטינס איז איין הינטעסטער על פי רוב אנגעהערן צו אזו איין אקיל וואס וואר אראנדאר ביא דעם פריץ · נון וואר אזו איינעם ליבער צו ליידען אלם אום ברויט צו קומען ·

נון וואר דא אזוא איין אונגליקליכר ראנדאר איין געוויסער הירשקע · איוננער מאן וואש האט גיוואוינט אונטער אגרוישין פריץ

אתארקעוויץ

°) דיזר אויסדרוק ווערט בענוצט אויף יעדר אונגייטיגע ארבייט וואס מען טוט איר נור אום איינה צייט פר טרייבונג · דען אזו ווארן אין גירוקן די אונגייטיגע אפפערן וואס מען האט געאפפרט אויף דעם מזבח נור אום ניט צו לאזן אים שטיין ליידיג · דען דאש ווארט קיץ המער בעדייטעט די זומער צייט וואש די פעלדר ליגן אין יענע לענדר אין בראך (ליידיג) וואס ביא אונז רופט מען עש וואקאוועז · נון הייסט קיץ המזבח דיא וואקאנס צייט פון דעם אלטאר :



אתארקעוויץ · ארשע אגוי׳ וואס וואר מיט זיין אחוד איין שטארקער מחותן · אונ אלם דער הירשקע האט זיך אן געהייבן זייער שטארק צו פראנצעזירן זיך מיט אים האט ער אוים גיפירט דאש עם קומט אים (דעם הירשקען) פינף אונ צוואנציג קאפקעס אונ טרוקענע פאמעליענע · אונ אלם דער הירשקע האט דר שטעקט דיזעם בראטין פון הויזין האט ער זיך אפ גיטראגן קיין פריסין · אונ פון דארטן איז ער אוועק קיין איינגלאנד · אונ דארטן איז אים דאש גליק אנטקעגין גיקומען · דען אין אמשך פון פינף וועקס וואר איז ער גיווארן זייער רייך · אונ האט זיך דער צוא נאך זייער שיין אויש געבילדעט אונ איז זיך גיווארן אקאנטאריסט · אונ באלד דארויף אגרויסה באנקייע · אונ דיזער הירשקע האט שוין דארטן געהייבן דער הערש פאראק · אונ זיין שטול אונ דער בגדים וואר איינע פון די עבסטע · אונ וואר אלזו העכסט געאכטעט דארט פון יודין אונ פון קריסטין דען ער וואר ווירקליך איין גאבעקער (איידעלער) מאן ·

אין יאם דריא אונ דרייסיגסטן יאר אין מאי מאנאט וואר אים אריין גיטראגין איין אנדייטונג אין זיין בירא אויף פופציג פונט שטערלינג אום איין צוא צאלין איינעם פוילישן אדעל מאן פאן חאדקעוויץ · דער הערש האט אים גילאזט אריין בעטין צו זיך אין גאבינעט · האט אים גיבעטין זיצן · האט אים מכבד גיוועזן מיט איין גוטין צוגאר · אונ האט זיך מיט אים פאר נאנדער גישפראכין אין דער פוילישע שפראכע · אונ דיזעם האט דעם חאדקעוויצען גאר נייא בעלעבט · דען ער האט שוין עם נים גיהערט מער אלם איאר · אונ האט פון פריידין גיוויינט · דער צו נאך האט דער הערש גיהייסן דער לאנגען איינגעלשע איל (אמין ביר) · אונ דאש האט גימאכט דעם האדקעוויץ אזו גישפרעכיג · דאס ער האט אים דער ציילט זיין גאנצין הערגאנג · דאש ער וואר פאר וויקעלט אין דעם מאטעז דאס ער האט גמוזט פארלאזן רוסלאנד אונ וועלגערט זיך שוין באלד צוויא יאר זאגרעניצע דאס ער האט שוין פון זיך זיין פלייש אויף גיגעסין אונ דיא פופצין שטערלינג ליגן עם דיא לעצטע · אונ דער

הערש